# ליל שבת קודש פרשת שופטים ה'תש"ס

פרייטאג צו נאכט'ס אין די ערשטע סעודה האט מוהרא"ש שליט"א געשמועסט גיוואלדיגע נורא'דיגע רייד אויפן רבינ'ס ווערטער אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' ד' וואס רעדט וועגן די דעת שלימה, וואס זי איז דעם אחדות צווישן חסד און גבורה; עיין שם.

און האט מוהרא"ש שליט"א אנגעהויבן – זאגט דער הייליגער רבי ז"ל (מוהרא"ש שליט"א האט איבערגעחזר'ט אויף איין נקודה פון דעם רבינ'ס תורה) **ווען א מענטש ווייסט אז אלע זיינע געשעהנישן זענען פאר זיינע גוטנ'ס, די בחינה איז מעין (אזוי ווי) עולם הבא, אזוי ווי עס שטייט (תְּהִלִּים נו): "בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר בֵּאלֹהִים אֲהַלֵּל דָּבָר". און די בְּחִינָה איז מעין עוֹלָם הַבָּא, אזוי ווי חז"ל הקדושים זאגן (פְּסחים נ:) "בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה' אֶחָד" וכוּ' – פרעגט די גמרא א קשיא, צו דען יעצט איז נישט איינס דעם אייבישטער'ס נאמען, ענטפערט די גמרא, יעצט בענטשט מען דער אייבישטער – הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, אויף דאס גוטענ'ס, און אויפן שלעכט'ס דַּיַּן הָאֱמֶת. אבער לעתיד לבוא, מ'וועט נאר בענטשטן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, ווייל דעם שם הוי"ה ברוך הוא וואס איז מרמז אויף חסד, און דעם שֵׁם אלקים וואס איז מרמז אויף גבורה – וועט זיין איין אַחְדוּת. און ווען ער ווייסט דאס אלעס, הייסט אז ער האט איין גאנצע ידיעה. ווייל דער עִקָּר דַּעַת איז אַ אַחְדוּת פון חסד מיט גבורה**; זעה דאס אלעס אונעם הייליגער רבינ'ס ווערטער.

און מוהרא"ש שליט"א האט מסביר געווען, אז די עיקר תכלית איז, אז א מענטש זאל זוכה זיין דערקענען דער אייבישטער פון אלעס וואס פאסירט זיך מיט איהם. און סיי ווען ס'איהם גוט, און סיי ווען ס'וועט פאסירן מיט איהם זאכן וואס קוקן איהם אויס פארקערט פון גוט'ס, זאל ער אנערקענען, אז אלעס איז פון דער אייבישטער אליין, ווייל ס'גאר נישט פארהאנען אויזער דער הייליגער באשעפער, און פון איהם גייט קיין שום שלעכט'ס נישט ארויס, חס ושלום, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (איכה ג') מפי עליון לא תצא הרעות וגו'. נאר אמאל איז דא זאכען וואס קוקן אויס שלעכט אין די אויגן פון מענטשן. ווייל זיי זענען נישט זוכה צו אַ דעת שלם, דערקענען אז דער אייבישטער איז זיך דארטן מתלבש. אבער תיכף ווען א מענטש האט א דעת שלם, און ער ווייסט גאנץ גוט אז ס'גאר קיין מציאות נישט פארהאנען אויזער איהם יתברך כלל, דעמאלט דערקענט ער, אז ס'גאר קיין שלעכט'ס נישט פארהאנען חס ושלום, און ער בענטשט אויף אלדינג הטוב והמטיב, אזוי ווי ס'וועט זיין לעתיד לבא, וואס אויף אלעס וועא מען זאגן הטוב והמטיב. ווארום הײנט אז מיר זענען אין גלות און אין קטנות הדעת, קען גאר זיין אז מיר דערגרייכן נישט די געוואלדיגע גוט'ס וואס שטעקט אין דעם פאסירונג אונזערע, אבער לעתיד לבא אז ס'וועט אנטפלעקט ווערן פאר יעדער מיט אפענע אויגן אז ס'דא א גאט אויף דער וועלט בבחינת (ישעיה יא) ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים. דעמאלט וועט מעןאויף אלעס בענטשן הטוב והמטיב. ווייל תיכף וועט מען אנערקענען אז אלעס איז צו א גוטע תכלית פונעם אייבישטער, און מען וועט תמיד לויבן זיין הייליגע נאמען, סיי אויף מדת החסד, און סיי אויף מדת הדין, בחינת (תהלים נו) בהוי"ה אהלל דבר, באלהים אהלל דבר. ווייל מ'וועט איבערגעצייכט ווערן אז די תכלית פון מדת הדין איז נאר דעם מענטש דערנענטערן און אן קלעבן צום הייליגער באשעפער. אויב אזוי איז גאר קיין שלעכט'ס נישט דא אויף דער וועלט, און די השגה איז מעין עולם הבא, ווייל דער וואס איז זוכה דערגרייכן א ביסל פון איהר אויף דעם וועלט, לעבט ער אזוי ווי אויף יענער וועלט, ווייל א ודאי אויף יענער וועלן אלע

דערקענען דאס געוואלדיגע גוט'ס מיט דאס גענאדע פון דער אייבישטער אויף יעדער פרט. און אויך היינט ווען מ'איז זוכה אריין צו לייגן דעם דעת אין הארצן אריין, ווערט דער מענטש א גאנצער אדם מיט א גאנצע דעת, און זעהט זיין וועלט און זיין לעבן (עולמך תראה בחייך) וואיל איז איהם און וואויל איז זיין טייל.

און מוהרא"ש שליט"א האט דערציילט, אז ס'געווען איינער פון אונזערע לייט אין שטאט אומאן, וואס איז געווען אן גרויסער עושר, און א וונדערליכער בעל צדקה, ער האט צוטיילט און פארשפרייט געלט פאר ארימע לייט אויף רעכט'ס און אויף לינקס. און איז געווען מפורסם לשם ולתפארת צווישן אלע אונזער לייט וועגן זיין גרויסע צדקה, און ס'געקומען שווערע צייטן און די גלגל החוזר בעולם איז אויף איהם איבערגעקערט געווארן, און האט פארלוירן דאס גאנצע עשירות זיינע, און איז געווארן ממש אן עני ואביון. און האט שוין גאר נישט געהאט צו געבן פאר ארימע לייט. און ווען מ'איז געקומען בעטן האט ער איבערגעבעטן און האט געזאגט אז ער האט שוין נישט וואס צו דעבן, אבער זיי האבן איהם נישט געגלייבט, ווייל נעכטןהאט ער נאך געגעבן מיט א ברייטע האנד, און ווי אזוי פלוצעם האט ער שוין נישט?און זיי האבן אנגעהויבן צו שעלטן און פארשעמען אז ער איז א קארגער געווארן, און ער וויל שוין מער נישט טיילן צדקה. און די בזיונות האבן איהם זייער באוירט, ביז ער איז אריין געפאלן אין א שווערע מרה שחורה, און האט נישט געוואלט ארויסגיין פון זיין שטוב. אמאל איז צו איהם אריין געקומען איינער פון אונזערע לייט א תמימות'דיגער יוד, און האט צו איהם געוועדט: פון הימל האט מען דיך געפרובט מיט א נסיון פון עשירות, און דו האסט זייער שיין דערהאלטן דערביי, ווייל דו האסט צוטיילט צדקה אן קיין שיעור. וויסן זאלסטו זיין אז יעצט פרובט מען דיך מיט דאס נסיון פון עניות, זעהן צו דו קענסט דיך דערהאלטן. איז אויב אזוי, פארוואס זאלסטו דיך נישט דערהאלטן ביי דעם נסיון אויך?! די דיבורים האט ער אויסגעזאגט מיט א גרויסע

תמימות, דאס האט דעם בעל צדקה זייער מחזק געווען, ער האט געקריגט צוריק זיינע מוחין, האט אנגעהויבן ארויסצוגיין פון שטוב, ס'האט איהם גארנישט מער געהארט אז מענטשן זענען איהם מבזה, בסוף איז ער צוריק א גרויסער עושר געווארן. זעהט מען ווי א מענטש מוז זיך דערהאלטן אין אלע סארט פאסירונגען וואס ער גייט דארעך אין לעבן, סיי אין חסד און סיי אין גבורה, און דעמאלט דייקא קומט ער צו זיין שלימות הדעת שלו, און זיך מדבק זיין אין דער אייבישטער באמת, אשרי לו ואשרי חלקו.

און מוהרא"ש שליט"א האט מקשר געווען די דאזיגע ענין צו די וואכעדיגע סדרא מיט אַ וונדערליכע יערליכער קשר, ס'שטייט (דברים יח) תמים תהיה עם הוי"ה אלהיך. דארף מען דאך פארשטיין, פארוואס דוקא ביי מדת התמימות שטייען דיביידע נענמען - "הוי"ה אלהיך"? אבער לויט די אויבנדערמאנטע הייליגע ווערטער פונעם הייליג'ן רבי'ן איז זייער גוט פארשטענדליך, ווייל די תרגום אויף "תמים" איז "שלים" – גאנץ. דאס הייסט גאנצענע דעת מיט מוחין וואס דאס איז די אחדות צווישן חסד מיט גבורה, וויסן זיין אז אין יעדער זאך איז דא יד ה'. און ס'נישט דא קיין שום טבע, מקרה ומזל. און דערפאר תמים תהיה (זאלסטו זיין א תמים), ווען? ווען דו ביסט מיטן "הוי"ה אלהיך", ווען ס'גאר קיין חילוק נישט ביי דיר צווישן מדת החסד צו מדת הדין, נאר יעדער זאך נעמסטו אן מיט ליבשאפט און תמימות, אזוי ווי רש"י זאגט, התהלך עמו בתמימות, ותצפה לו, ולא תחקור אחר העתידות [גיי מיט איהם מיט א תמימות, ווארט אויף איהם, זאלסט נישט פארשטן נאכן עתיד, נאר אלעס וואס וועט קומען אויף דיר נעם אן מיט תמימות, דעמאלט וועסטו זיין מיט איהם און מיט זיין טייל]. ווייל דער עיקר איז זיך מקשר צו זיין צו די נקודה וואס געהערט צו איהם אין יענע צייט, און וויסן אז דאס גוט'ס פון דער אייבישטער איז בייהאלטן און יעדער זאך, איז פארוואס זאלען מיר פארשטן אויף וואס וועט זיין, אלעס איז דאך פון דער אייבישטער נאר לטובה, און דאס איז דער עיקר מדת התמימות וואס זי איז די שלימות, און דערפאר איז

דערמאנט דא דאס גאנצע שם - "הוי"ה אלהיך", ווייל ער איז די אחדות צווישן חסד מיט גבורה. און דער אייבישטער זאל אונז העלפן ריכטיג אנצוקומען צו די הייליגע מדה פון תמימות, זוכה זיין צו א דעת שלם, דערקענען דער אייבישטער פון אלע לעבענ'ס פרטים ביז מ'זאל זוכה זיין אלעמאל אינגאנצן נכלל ווערן בו יתברך, אמן ואמן.